העפטל 6 — 2 פּענים

# ברענענדיקע גאַסן

א. נ. שטענצעל

לאָנדאָן־ווייטשעפּל, יאַנואַר 1941

---

## שטאָט אין פלאַמען

אַן אויפגעברילטע מיט צעפלאַשעטע גריווע,
אויף אַלע זייטן גרייט שוין זיך צו וואַרפן,
מיט איינגעהאַלטענעם ציטער נאָך אין לאַפּעס,
ביז די גראַטשעס וועלן שפּיציק זיך אויסשאַרפן;

מיט לויערנדיקער רוגזה אינעם רוקן,
מיט אַ צאַפּל אין עק, יעדע רגע צו פאַררייסן,
מיט ציינער שטשירענדיקע, קריצנדיקע,
די העצער אויף פיץ־פּיצעלעך צו צעבייסן;

אַזוי שטייט די שטאָט, גוואַלטיק און מעכטיק,
אַ צעפלאַקערטע אין די צעפאַכטעטע פלאַמען —
אַ לייב, אַרומגערינגלט אים צו פאַנגען,
מ׳האָט אַנגעצונדן דעם דזשונגל מיט שטאַמען!

אַ, די גלאָזענע־אויגן, גלוטיק צעגליטע,
צום שפּרונג ווען זיי וועלן זיך געבן אַן עפן,
וואָהין נאָר אין זייער שרעק די העצער זיך צעלויפן,
זיינע ציינער און נעגל וועלן זיי טרעפן.

בלינד פון צעברענטער רוגזה זיינע שוואַרץ־אַפּל — —
מיט זיין בלויסן ניוך ער וועט זיי דערשמעקן!
די אַרויסגעפלאַמטע צונג, די בלוטיק רויטע,
ווי זי וואַלט שוין אַ שלונעדיקע זיך באַלעקן.

יאָ, שוין שפּריצן די בליקן מיט פייער־פונקן,
פונם כוח וואָס נעמט זיך מעכטיק צוזאַמען —
די שטאָט, גוואַלטיק־אַזוי, מאַיעסטעטיש,
אַ צעצונדענע אַצינד אין די פלאַמען!

## לאַנדאָן אין ליכט פון דיינע צעצונדענע גאַסן

אין ליכט פון דיינע צעצונדענע גאַסן, לאָנדאָן,
פאַרבלענדן די אויגן פון ברענענדיקע טרערן,
ס׳הויבט זיך דער שיידל איבערן פאַרטשאַדעטן קאָפּ,
מיט׳ן קנאַלן פון דעכער און פלאַצענדיקע רערן.

פון די יאָגנדיקע פלאַמען העכער און העכער,
ברעכט זיך דער הימל אַ צעפינקעלטער מיט שטערן,
זיי פליען ווי די פונקען, זיי פאַלן ווי די גלאָוונעס,
איבער אונזערע קעפּ צעשאָטענע צו ווערן.

שטאָלץ־אויסגעשטרעקט, גלייך מענשן מיט׳ן אין בויגן,
אויסגעברענטע פון אַזאַ אינערליך פאַרצערן,
שטייען אַרום די פינסטערע מויערן פון די הייזער,
אין די נאָך טליענדיקע, נאָך טשאַדעדיקע סקווערן —

אין רויך־דערשטיקנדיקע, דיינע גאַסן, לאָנדאָן,
קנוילען זיך הערצער איצט מיט נקמה און צושטערן,
יאָ, זיי ווילן ווילד־אויפברעכן גלוטיק און גליאיק,
ביז שנאה און רציחה אויף דער וועלט וועט אויפהערן.

דאָס טרעשטשען, דאָס קנאַקן פון די פאַרקוילטע בעלקעס
מיט פלאַמעדיקע צונגען ס׳איז אַזאַ שווערן!
פון פייערדיקע הערצער, פון אָנגעצונדענע,
זייער גליאיקן האַס פון זיך אויסצולערן —

— — — — — — — — — —

אַזאַ פלאַקער־רוף איז עס, אַזאַ פאַקל־פאַנאַר,
אַז די טויבסטע שוין וועלען׳ס מוזן דערהערן:
אָבגעמעקט וועט ווערן דאָס שלעכטע, דאָס בייזע,
און מעג די גאַנצע וועלט זיך איבערקערן — — —

אין דעם גליאיק־צעצונדענעם דיינע הערצער, לאָנדאָן,
איבערגיין די אויגן פון דעם וואָס ס׳וועט ווערן,
זיי פינקלען ליכטיק ווידער אויף, טרערנדיק־צעשיינטע,
מיט דעם טויזנד־יאָריקן בענקען און באַגערן.

## אין נעכט צעפלאַקערטע

איז עס דען אַ פלאַפּלען פון שלאָף נאָר געווען,
מיט פאַרמאַטערטער האַנט אויף האַרצן, אויף מידן.
אַלע יענע רייד פון גערעכט זיין און פון גוט זיין
און פון קומענדיקער צייט מיט אייביקן פרידן?

ווער ווייסט נאָך וואָס גוט איז און וואָס שלעכט איז,
ווען ס׳שטייט דער טויט אַזוי בולט פאַר די אויגן?
אַז די פלאַקערדיקע פלאַמען, די פאַלנדיקע,
זיינען ווי פּעטלעס איבער גאַסן פאַרצויגן!

אָ, און אַז דער גוטער מיטן בייזן, —ביידע! —
פון איין טויט געטראָפן ליגן אויסגעצויגן,
און נאָך איידער זיי דערשמעקן שוין די פגרים,
די פינסטערע ווראָנעס קומען אָנגעפלויגן — —

די בלוטיק־אויפגעריסענע, שטיקנדיקע נעכט,
פון ברענענדיקע באָמבעס, פון וואָרן־סירענעס,
און פון פלאַמען וואָס לעקן שוין די הימלען,
ווי טשאַטעס בלוט־פאַרשלונגענע היענעס —

— — — — — — — — — —

מענטשן דורך מענטשן צום טויט געהעצטע,
זיך ראַטעווענדיקע איינער איבער צווייטן,
דורך פלאַמען, דורך רויך, דורך שפּאַלט פון מויערן,
דורך ברענענדיקע בעלקעס — צעצונדענע שייטן;

דורך אויפרייס פון גאַסן, דורך פייער און פלאַם,
דורך לייבער לעבעדיקע אין שטיקער צעריסן!
אפשר אַזוי־אָ דער גאַנג, דער פייערדיקער,
צו נייע, צו אייביקע כריתת־בריתן —

פון חורבה צו חורבה, דורך האָב און דורך גוטס,
מיט נאַקעטן לעבן אַרויס פון די פלאַמען!
אפשר אַזוי־אָ דער וועג צו קומענדיקער צייט,
ווען וואָלף און שעפּעלע וועלן לעבן צוזאַמען.

# אין די געסלעך דאָ

(דעם אָנדענקען פון דער מוטער און באָבען פון דודלען)

די שאַרפע נויט דאָ פון די אָרעמע געסלעך
אַריינטעטעווירט זי האָט זיך אין מיין הויט,
מיטן ציטער פון יענע שפּיץ־מעסערס,
ביים אָפּשניידן וואָס דינער דאָס רעפּטעלע ברויט;

און מיט שטעכן אונטער נעגל ווי מיט נאָדלען,
וואָס קאַלטע קעשענע אין פויסט האָט זיי געביילט!
דאָס נאַסע גוואַזשדשען פון צעריסענע שיך
פון אַלצדינג דאָ זיי האָבן מיר דערציילט — —

ביז אין מיין שטובל אַריין מיר נאָכגעקראָכן
פון די געסלעך דאָ איז מיר די ביטערע נויט,
וואַכיק געוואָרפן מיין האַרץ זיך גאַנצע נעכט
ביז ס׳האָט טאָג בלוטיק אין פענסטער אויפגעגרויט.

די נאַסע ווענטלעך, די נידריק־שיפּע סטעליע,
דאָס כסדרדיקע קאַפּן פון צעבראָכענעם דאַך,
און דאָס בייזע בלאָזן אין קאַלטן קוימען —
אין מיטן ים אין צעשטורעמטן געקראַך!

אַלצדינג כ׳האָב געזען און געוווסט אַז ס׳מוז קומען:
פון די שמאָלע קוימענדלעך דער שיטערער רויך
האָט עס אַזוי דייטלעך פאַרשריבן אויפן הימל,
און אויף די פענסטערלעך — דער היסטנדיקער הויך

און איצט אַז ס׳איז אָנגעקומען, אַז ס׳איז דאָ
און וואַכיק זיינען די נעכט מיט טויט און מיט שרעק,
און מיט צעבלאָזענע געסלעך, צעשטורעמטע,
ס׳איז דאָס שטובל מיינס מיטן שטורעם מיט אַ וועק,

בלאָנקע איך מיך געסל אויס און געסל איין,
נישט צוגעפינען מער אינערגעץ קיין אָרט —
אַ מאַטראַז אַזאַ פון געזונקענע שיפן,
וואָס ראַטעוועט זיך אַזוי פון פּאָרט צו פּאָרט,

וואָס נישט געבליבן שוין קיין ליידיק פּיצל פּלאַץ,
אויף זיין פאַרשרומפּלטער טעטווירטער הויט —
די אַלע נעמען אַריינצושרייבן נאָך,
פון די אומגעקומענע אין שרעקליכן טויט.

# „דירעקט-היט"

(שעלטער־רעמיניסענס)

אָדער מ׳איז טויט, אָדער מ׳בלייבט לעבן — —
און אַז די שורות זיינען דאָך אָנגעשריבן,
וואָס קאָן נאָך זיין אַ בעסערער סימן,
אַז כ׳בין צווישן די לעבעדיקע געבליבן.

אָבער ווער קאָן עס נאָך וויסן, צי דעמלט,
ווען די שורות וועלן צו וועמען דערגרייכן,
ס׳וועט נישט זיין אַ ליגנט, אַ פאַרשפּעטיקטער,
דער אַצינד געשריבענער לעבנס־צייכן.

און אפשר טאַקע גאָר צווישן יענע פּגרים,
וואָס נישט מער צו דערקענען ס׳איז ווער זיי זענען,
ליג איך איצט שוין אַ טויטער צווישן טויטע,
אַ צעקאַליטשטער נישט מער צו דערקענען.

אָ, נישט מיך און נישט קיינעם איך דערקען נישט מער —
ווי צעריסן אין אונזערע פּנימער די ריסן!
פון פינסטערער שרעק, פון גרויליקער נקמה
אכזריות׳דיק פרעמד אַרום די ליפּן צעביסן —

— — — — — — — — — — —

אָדער מ׳איז טויט, אָדער מ׳בלייבט לעבן — —
אַז גלייכגילטיק ס׳איז שוין דער גאַנצער אָדער!
עפּעס פּונקט ווי דער מענטש אַצינד וואָלט געוועזן
אַזאַ אויסגעשפּיגענער ווערעמדיקער יאָדער.

אַז דאָס־אָ וואָס ס׳געשעט איצט, ס׳קאָן געשען,
אַז צו דעם־אָ מיר האָבן געקאָנט דערגרייכן,
וואָס איז שוין דער חילוק צווישן טויט און לעבן,
און צום וואָרט מענטש — דאָס נידריקסטע פאַרגלייכן!

אָ, דאָס קלעטערן אונזער׳ס אויף העכסטע הייכן,
איז עס געווען בלויז כדי טיפער צו פאַלן?
אויפפליענדיקע באַלאָנען נאָר אַזעלכע,
מיט אַלע זייערע ליכטיקייטן אויסצוקנאַלן.

אַז דאָס־אָ וואָס ס׳געשעט איצט, סקאָן געשען,
און מיט מענטשליכע הענט געהאָלפן׳ס צוגרייטן — —
וואָס איז שוין פאַרלירן, וואָס איז שוין נצחון,
אפילו דער חלום פון קומענדיקע צייטן.

## טילבערי

(צום שעלטער מיט 15,000 מענטשן)

אַראָבגעשאָסן זיי האָבן אים די קוטשמע,
אַ שטיק פון אַן אויער־לעפל מיטגעריסן,
ער אָבער, אַ באַוואָפנטער, שטייט אַזוי־אָ,
מיט צילנדיקן בליק און ציינער פאַרביסן.

אַ לאַץ פון זיין מונדיר האָט עס מיטאָבגעשליסן,
אַ פאָלע צעפלאָשעט און ווילד אויפגעהויבן,
נו, זעהט מען דעם בויך, דעם ברייט־געפאַלדעוועטן,
אַזוינס און אַזעלכעס, וואָס נישט ס׳איז צו גלויבן —

פון שטאָל פון געקאָוועטן זייבען די קושקעס,
דאָס וואַמפּיגע אָרום — אייזערן מוסקול־געוויקל!
פון מעש און פון קופּער די ווענען און אַרטעריען,
די גדערעם אויסגעהעמערט פון פיינסטן ניקל.

און אַז ס׳וועלן זיך אים די פיס אונטערברעכן,
ס׳וועט זיי אפילו אויך דאָס־אָ נישט ניצן — —
ר׳וועט פאַלן אויף זיינע אָרעמס, שטאַרקע, צעשטרעקטע,
מיט זיין פעסטן רוקן אַלעמען צו באַשיצן.

אויף קני און אויף קנעכל — די לענדן,
און די ברייטע ברוסט אויף די עלענבויגן!
און באַשיצט אַזוי מיר וועלן בלייבן,
אונטער זיין רוקן ווי אַ בריק אויסגעבויגן.

ניין, נישט אַ געפאַלענער וועט ער ליגן —
אויף בויך צילנדיק גאָר, אַזוי אויסגעצויגן!
און שאַרפע וווּנד, אַז ער וועט ווייאיק דערפילן,
בלוט איבערלאָפן נאָר וועלן זיין זיינע אויגן.

אַראָבגעשאָסן זיי האָבן אים די קוטשמע,
און אין אויער־לעפל אויך־מיר עפּעס וואונדן,
אָבער דאָס גליאיקע, דאָס ברעניקע אין זיין לייב
ס׳איז פון אַ צאָרן אין אים פריש איצט אָנגעצונדן:

אין פלאַקער־שיין, פון די אָנגעצונדענע הייזער,
שטייט ער בולט מיט זיינע צעשטרעקטע מויערן — —
מיט טויזענדער הערצער ציטערט עס אויף אין אים!
און איבער זיין קאָפּ דאָס פלאַטערדיקע לויערן —

אַ, דאָס גיפטיקע געזשום אין זיינע אויערן,
און די שרעק פון די טויזענטער אין אים באַהאַלטן!
זיינע קנאַכן קנאַקן נאָר אַזוי אין די פלאַמען
מיט באַנייטע כחות אַלצדינג אויסצוהאַלטן —

— — — — — — — — — —

די אַלטע און שוואַכע, די מאַמעס און קינדער,
ביז לעצטן טראָפּן בלוט ער וועט זיי באַהיטן!
אַ, געגן אַ רוצח זיך אַקעגענצושטעלן,
ס׳איז דאָך נויטיק איצט אַזאַ כעס, אַ צעגליטן.

## אין א פינסטערע טבת-נאכט

(געכאָרכל פון געטראָפענע...)

זיינען דען ביים לעבן אונזערן געווען
די הענט אונזערע הענט, די קעפּ אונזערע קעפּ,
פאַרוואָס אַנדערש אונזערע צעריסענע פגרים,
געוויקלט אין שוואַרצן אין בלוטיקן קרעפּ?

צעשטיקלט, צעריסן אברימוויז צוזאַמענגעשטעלט — —
אַ, די זכיה צו ליגן אויף אַ טויטן־בעט!
שטייען קינדער אַרום אַ מאַמען, צו דערקענען, —
איז עס די האַנט וואָס האָט זיי טוליענדיק געגלעט?

אָדער איז עס דער טויט וועלכער פאַרענדערט אַזוי — —
אַ, ס׳איז דאָך אַ מענטשלעכע — וועמס זי זאָל נישט זיין!
און אפשר אַזוי־אָ, בלינד זיך דערטאַפּנדיק,
צום אייביק קומענדיקן אָן מיין אָן דיין — —

פול איז די ערד מיט געשריי און מיט געוויין,
אין יעטוועדן האַרץ שוין דער ריס פון דער וועלט!
אפשר אַזוי־אָ צעריסן און צעשטיקלט —
אין איין גאַנצקייט צו ווערן צוזאַמענגעשטעלט —

— — — — — — — — — —

זיינען דען ביים פינסטערן לעבן אונזערן
אונזערע הערצער נישט פאַרשרפט געווען?
אַ, מיט אויגן־לעכער, פינסטער פאַרקוילטע,
די קומענדיקע טעג ליכטיק צו דערזען — — —

# לעבעדיק ס׳איז די שטאט

יאָ, אַ לעבעדיקע ס׳איז די שטאָט,
מיט אירע קאַנאַלן, אירע גאַז־רערן,
מיט אירע באַנען, אירע אויטאָס,
מיטן געלויף אַ רגע נישט אויפצוהערן;

ווי ס׳קרייזט דאָס, ווי ס׳איילט דאָס,
מיט אויטאָבוסן, מיט טראַמווייען,
און אונטערערדיש און איבערערדיש —
געדערעם־געקנויל וויקלען זיך און דרייען!

ס׳איז פאַרן בלוט־געלויף די אָדערן
די קאַבעלס אונטער גאַסן צעגראָבן!
אָבער אַז לעבעדיק ס׳איז די שטאָט
מוז זי דאָך אַ האַרץ אויך האָבן — —

יאָ, אַ האַרץ מיט לעבעדיקן פילן,
פאַר מענטשליכע נויטן, פאַר מענטשליכעליידן:
קאָן דען עפּעס לעבעדיק זיין
נאָר מיט געדערעם בלויז און אינגעווייידן?

אָ, מיט צאַפּל פון מענטשליכע הערצער,
אונטער שריפה־חורבות פאַרשאָטן,
אַ האַרץ זי וועט באַקומען, די שטאָט,
אין איר נערוועז־נעץ פון שטאָל און פון דראָטן —

ווי מיט וועגען, ווי מיט אַרטעריען,
אין מוסקל־געפלעכט, אונטער הויטן,
איבער איר גאַנצן לייב זי וועט שפּירן
יעדן בחנם געפאַלענעם טויטן — —

— — — — — — — — — —

און די אויפגעריסענע גאַסן איצט — —
אירע פּולס־אָדערן ס׳ווערן אויפגעשניטן!
אַזאַ אָדער־לאָזן ס׳איז, פון בייזן בלוט בלויז,
דערפון אַ לעבן־לאַנג גליאיק געליטן.

געדרוקט ביי י. נרודיצקי, 131־129 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, איסט.